[10] זײַנען אַרויסגעגאַנגען די צווינגערס פון דעם פאָלק, און זײַנע אויפזעערס, און האָבן געזאָגט צום פאָלק, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט פּרעה: איך גיב אײַך ניט קיין שטרוי. [11] גייט איר, קריגט אײַך שטרוי פון וווּ איר קענט געפינען; וואָרום פון אײַער אַרבעט ווערט גאָרניש געמינערט.

[12] האָט זיך דאָס פאָלק צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם, צו קלײַבן זאַנגוואָרצל פאַר שטרוי. [13] און די צווינגערס האָבן געטריבן, אַזוי צו זאָגן: ענדיקט אײַערע טאָגטעגלעכע אַרבעט, אַזוי ווי בעת עס איז געווען שטרוי. [14] און די אויפזעערס פון די קינדער פון ישׂראל, וואָס די צווינגערס פון פּרעהן האָבן אויפגעזעצט איבער זיי, האָבן געקריגן געשלאָגן, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס האָט איר ניט געענדיקט אײַער סכום ציגל אַזוי ווי פריער, אי נעכטן אי הײַנט?

[15] זײַנען געקומען די אויפזעערס פון די קינדער פון ישׂראל, און האָבן געשריִען צו פּרעהן, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס טוסטו אַזוי צו דײַנע קנעכט? [16] קיין שטרוי ווערט ניט געגעבן דײַנע קנעכט, און מע הייסט אונדז: מאַכט ציגל; און זע, דײַנע קנעכט קריגן געשלאָגן, און די שולד איז אין דײַן פאָלק. [17] האָט ער געזאָגט: פויל זייט איר, פויל; דרום זאָגט איר: מיר ווילן גיין שלאַכטן צו יהוה. [18] און אַצונד, גייט אַרבעט, וואָרום קיין שטרוי וועט אײַך ניט געגעבן ווערן, און די צאָל ציגל מוזט איר צושטעלן.

[19] האָבן די אויפזעערס פון די קינדער פון ישׂראל זיך געזען אין אַן אומגליק, צו מוזן זאָגן: איר טאָרט ניט מינערן פון אײַערע טאָגטעגלעכע ציגל. [20] און זיי האָבן געטראָפן משהן און אַהרנען, שטייענדיק אַקעגן זיי, בײַ זייער אַרויסגיין פון פּרעהן; [21] און זיי האָבן צו זיי געזאָגט: זאָל גאָט אַראָפּקוקן אויף אײַך, און משפּטן, וואָס איר האָט פאַרמיאוסט אונדזער ריח אין די אויגן פון פּרעהן, און אין די אויגן פון זײַנע קנעכט, צו געבן אַ שווערד אין זייער האַנט אונדז צו הרגען.

[22] האָט משה זיך צוריקגעקערט צו גאָט, און האָט געזאָגט: גאָט, פאַרוואָס טוסטו שלעכטס דעמדאָזיקן פאָלק? צוואָס גאָר האָסטו מיך געשיקט? [23] אַז זינט איך בין געקומען צו פּרעהן, צו רעדן אין דײַן נאָמען, באַגייט ער זיך נאָך ערגער מיט דעמדאָזיקן פאָלק, און מציל זײַן האָסטו ניט מציל געווען דײַן פאָלק.

נִגְּשֵׂי הָעָם וְשֹׁטְרָיו וַיֹּאמְרוּ אֶל־הָעָם לֵאמֹר כֹּה אָמַר
יא פַּרְעֹה אֵינֶנִּי נֹתֵן לָכֶם תֶּבֶן׃ אַתֶּם לְכוּ קְחוּ לָכֶם תֶּבֶן
יב מֵאֲשֶׁר תִּמְצָאוּ כִּי אֵין נִגְרָע מֵעֲבֹדַתְכֶם דָּבָר׃ וַיָּפֶץ הָעָם
יג בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם לְקֹשֵׁשׁ קַשׁ לַתֶּבֶן׃ וְהַנֹּגְשִׂים אָצִים
לֵאמֹר כַּלּוּ מַעֲשֵׂיכֶם דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ כַּאֲשֶׁר בִּהְיוֹת
יד הַתֶּבֶן׃ וַיֻּכּוּ שֹׁטְרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־שָׂמוּ עֲלֵהֶם נֹגְשֵׂי
פַרְעֹה לֵאמֹר מַדּוּעַ לֹא כִלִּיתֶם חָקְכֶם לִלְבֹּן כִּתְמוֹל
טו שִׁלְשֹׁם גַּם־תְּמוֹל גַּם־הַיּוֹם׃ וַיָּבֹאוּ שֹׁטְרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
טז וַיִּצְעֲקוּ אֶל־פַּרְעֹה לֵאמֹר לָמָּה תַעֲשֶׂה כֹה לַעֲבָדֶיךָ׃ תֶּבֶן
אֵין נִתָּן לַעֲבָדֶיךָ וּלְבֵנִים אֹמְרִים לָנוּ עֲשׂוּ וְהִנֵּה עֲבָדֶיךָ
יז מֻכִּים וְחָטָאת עַמֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר נִרְפִּים אַתֶּם נִרְפִּים עַל־כֵּן
יח אַתֶּם אֹמְרִים נֵלְכָה נִזְבְּחָה לַיהוָה׃ וְעַתָּה לְכוּ עִבְדוּ
יט וְתֶבֶן לֹא־יִנָּתֵן לָכֶם וְתֹכֶן לְבֵנִים תִּתֵּנוּ׃ וַיִּרְאוּ שֹׁטְרֵי בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל אֹתָם בְּרָע לֵאמֹר לֹא־תִגְרְעוּ מִלִּבְנֵיכֶם דְּבַר־יוֹם
כ בְּיוֹמוֹ׃ וַיִּפְגְּעוּ אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן נִצָּבִים לִקְרָאתָם
כא בְּצֵאתָם מֵאֵת פַּרְעֹה׃ וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם יֵרֶא יְהוָה עֲלֵיכֶם
וְיִשְׁפֹּט אֲשֶׁר הִבְאַשְׁתֶּם אֶת־רֵיחֵנוּ בְּעֵינֵי פַרְעֹה וּבְעֵינֵי
מפ׳ עֲבָדָיו לָתֶת־חֶרֶב בְּיָדָם לְהָרְגֵנוּ׃ וַיָּשָׁב מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה
וַיֹּאמַר אֲדֹנָי לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה לָמָּה זֶּה שְׁלַחְתָּנִי׃
כג וּמֵאָז בָּאתִי אֶל־פַּרְעֹה לְדַבֵּר בִּשְׁמֶךָ הֵרַע לָעָם הַזֶּה וְהַצֵּל
לֹא־הִצַּלְתָּ אֶת־עַמֶּךָ׃

ו

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה עַתָּה תִרְאֶה אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה לְפַרְעֹה
כִּי בְיָד חֲזָקָה יְשַׁלְּחֵם וּבְיָד חֲזָקָה יְגָרְשֵׁם מֵאַרְצוֹ׃ ס

ו [1] האָט גאָט געזאָגט צו משהן: אַצונד וועסטו זען וואָס איך וועל טאָן צו פּרעהן; וואָרום דורך אַ שטאַרקער האַנט וועט ער זיי אַוועקלאָזן, און דורך אַ שטאַרקער האַנט וועט ער זיי אַרויסטרײַבן פון זײַן לאַנד.

# וָאֵרָא

[2] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, און האָט צו אים געזאָגט: איך בין יהוה; [3] און איך האָב זיך באַוויזן צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן, ווי גאָט שַׁדַי, אָבער מיט מײַן נאָמען יהוה האָב איך זיך ניט געלאָזט דערקענען צו זיי. [4] און איך האָב אויך אויפגעשטעלט מײַן בונד מיט זיי,

ב ג וַיְדַבֵּר אֱלֹהִים אֶל־מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי יְהוָה׃ וָאֵרָא
אֶל־אַבְרָהָם אֶל־יִצְחָק וְאֶל־יַעֲקֹב בְּאֵל שַׁדָּי וּשְׁמִי יְהוָה
ד לֹא נוֹדַעְתִּי לָהֶם׃ וְגַם הֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי אִתָּם לָתֵת

לָהֶם אֶת־אֶרֶץ כְּנָעַן אֵת אֶרֶץ מְגֻרֵיהֶם אֲשֶׁר־גָּרוּ בָהּ׃
וְגַם ׀ אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת־נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם ה
מַעֲבִדִים אֹתָם וָאֶזְכֹּר אֶת־בְּרִיתִי׃ לָכֵן אֱמֹר לִבְנֵי־יִשְׂרָאֵל ו
אֲנִי יְהוָה וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרַיִם וְהִצַּלְתִּי
אֶתְכֶם מֵעֲבֹדָתָם וְגָאַלְתִּי אֶתְכֶם בִּזְרוֹעַ נְטוּיָה וּבִשְׁפָטִים
גְּדֹלִים׃ וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹהִים ז
וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם הַמּוֹצִיא אֶתְכֶם מִתַּחַת
סִבְלוֹת מִצְרָיִם׃ וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָשָׂאתִי ח
אֶת־יָדִי לָתֵת אֹתָהּ לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב וְנָתַתִּי אֹתָהּ
לָכֶם מוֹרָשָׁה אֲנִי יְהוָה׃ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה כֵּן אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל ט
וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל־מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ בֹּא דַבֵּר אֶל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ י יא
מִצְרָיִם וִישַׁלַּח אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵאַרְצוֹ׃ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה יב
לִפְנֵי יְהוָה לֵאמֹר הֵן בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לֹא־שָׁמְעוּ אֵלַי וְאֵיךְ
יִשְׁמָעֵנִי פַרְעֹה וַאֲנִי עֲרַל שְׂפָתָיִם׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן וַיְצַוֵּם אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יג
וְאֶל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרָיִם לְהוֹצִיא אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ
מִצְרָיִם׃ ס אֵלֶּה רָאשֵׁי בֵית־אֲבֹתָם בְּנֵי רְאוּבֵן שני
בְּכֹר יִשְׂרָאֵל חֲנוֹךְ וּפַלּוּא חֶצְרֹן וְכַרְמִי אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת
רְאוּבֵן׃ וּבְנֵי שִׁמְעוֹן יְמוּאֵל וְיָמִין וְאֹהַד וְיָכִין וְצֹחַר טו
וְשָׁאוּל בֶּן־הַכְּנַעֲנִית אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת שִׁמְעוֹן׃ וְאֵלֶּה שְׁמוֹת טז
בְּנֵי־לֵוִי לְתֹלְדֹתָם גֵּרְשׁוֹן וּקְהָת וּמְרָרִי וּשְׁנֵי חַיֵּי לֵוִי שֶׁבַע
וּשְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה׃ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן לִבְנִי וְשִׁמְעִי לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ יז
וּבְנֵי קְהָת עַמְרָם וְיִצְהָר וְחֶבְרוֹן וְעֻזִּיאֵל וּשְׁנֵי חַיֵּי קְהָת יח
שְׁלֹשׁ וּשְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה׃ וּבְנֵי מְרָרִי מַחְלִי וּמוּשִׁי אֵלֶּה יט
מִשְׁפְּחֹת הַלֵּוִי לְתֹלְדֹתָם׃ וַיִּקַּח עַמְרָם אֶת־יוֹכֶבֶד דֹּדָתוֹ כ
לוֹ לְאִשָּׁה וַתֵּלֶד לוֹ אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־מֹשֶׁה וּשְׁנֵי חַיֵּי עַמְרָם
שֶׁבַע וּשְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה׃ וּבְנֵי יִצְהָר קֹרַח וָנֶפֶג וְזִכְרִי׃ כא

זיי צו געבן דאָס לאַנד כּנַעַן, דאָס לאַנד פון זייער וווינ־שאַפט, וואָס זיי האָבן דערין געוווינט. [5] און איך האָב אויך געהערט דאָס קרעכצן פון די קינדער פון ישׂראל, וואָס די מִצרים פאַרקנעכטן זיי, און איך האָב געדאַכט אָן מיין בונד. [6] דרום זאָג צו די קינדער פון ישׂראל: איך בין יהוה, און איך וועל אייך אַרויסציִען פון אונטער די לאַסטן פון מִצרַיִם, און וועל אייך מציל זיין פון זייער קנעכטשאַפט, און איך וועל אייך אויסלייזן מיט אַן אויס־געשטרעקטן אָרעם, און מיט גרויסע משפּטים. [7] און איך וועל אייך נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק, און איך וועל אייך זיין צום גאָט; און איר וועט וויסן, אַז איך בין יהוה אייער גאָט, וואָס האָט אייך אַרויסגעצויגן פון אונטער די לאַסטן פון מִצרַיִם. [8] און איך וועל אייך ברענגען אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט[א], עס צו געבן צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן, און איך וועל עס געבן צו אייך פאַר אַן אַרב; איך בין יהוה.

[9] האָט משה אַזוי גערעדט צו די קינדער פון ישׂראל, אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט צו משהן פון קורץ געמיט און פון שווערער אַרבעט.

[10] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [11] גיי רעד צו פַּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם, ער זאָל אַוועקלאָזן די קינדער פון ישׂראל פון זיין לאַנד. [12] האָט משה גערעדט פאַר גאָט, אַזוי צו זאָגן: זע, די קינדער פון ישׂראל האָבן ניט צוגעהערט צו מיר, היינט ווי וועט פַּרעה מיך צוהערן, אַז איך האָב פאַרשטאָפּטע ליפּן?

[13] און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, און זיי באַפוילן צו די קינדער פון ישׂראל, און צו פַּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם, כּדי אַרויסצוציִען די קינדער פון ישׂראל, פון לאַנד מִצרַיִם.

[14] דאָס זיינען [די הויפּטן פון זייערע פאָטערהייזער: די זין פון ראובן, ישׂראלס בכור: חֲנוֹך, און פַּלוּא, חֶצרוֹן, און כַּרמי. דאָס זיינען די משפּחות פון ראובן. [15] און די זין פון שמעונען: ימוּאֵל, און יָמִין, און אוֹהַד, און יָכִין, און צוֹחַר, און שָׁאוּל דער זון פון אַ כּנַעֲנית. דאָס זיינען די משפּחות פון שמעון. [16] און דאָס זיינען די נעמען פון לֵוִיס זין, לויט זייערע געבורטן: גֵרשוֹן, און קְהָת, און מְרָרי. און די יאָרן פון לֵוִיס לעבן זיינען געווען הונדערט און זיבן און דרייסיק יאָר. [17] די זין פון גֵרשונען: לִבני, און שִמעִי, לויט זייערע משפּחות. [18] און די זין פון קְהָתן: עַמרָם, און יִצהָר, און חֶברוֹן, און עוזיאֵל. און די יאָרן פון קְהָתעס לעבן זיינען געווען הונדערט און דריי און דרייסיק יאָר. [19] און די זין פון מְרָרין: מַחלי, און מושי. דאָס זיינען די משפּחות פון לֵוִי לויט זייערע געבורטן. [20] און עַמרָם האָט זיך גענומען זיין מומע יוֹכֶבֶדן פאַר אַ ווייב, און זי האָט אים געבאָרן אַהרנען און משהן. און די יאָרן פון עַמרָמס לעבן זיינען געווען הונדערט און זיבן און דרייסיק יאָר. [21] און די זין פון יִצהָרן: קֹרח, און נֶפֶג, און זכרי.

[א] ד. ה. געשוואָרן.

22 און די זין פון עוזיאֵלן: מישָאֵל, און אֶלצָפָן, און סִתרי. 23 און אַהרן האָט זיך גענומען אֶלישֶבַע די טאָכטער פון עַמינָדָבן, די שוועסטער פון נַחשונען, פאַר אַ ווייב, און זי האָט אים געבאָרן נָדָבן, און אַביהואן, אֶלעָזָרן, און איתָמָרן. 24 און די זין פון קֹרַחן: אַסיר, און אֶלקָנָה, און אַביאָסָף. דאָס זיינען די משפחות פון די קָרחים. 25 און אֶלעָזָר דער זון פון אַהרנען האָט זיך גענומען איינע פון די טעכטער פון פּוטיאֵלן זיך פאַר אַ ווייב; און זי האָט אים געבאָרן פּינחסן. דאָס זיינען די הויפּטן פון די פאָטערהייזער פון די לֵוִיִים לויט זייערע משפחות. 26 דאָס זיינען אַהרן און משה, וואָס גאָט האָט צו זיי געזאָגט: ציט אַרויס די קינדער פון ישׂראל פון לאַנד מִצרַיִם לויט זייערע מחנות. 27 זיי זיינען דאָס די וואָס האָבן גערעדט צו פּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם, כּדי אַרויסצוציען די קינדער פון ישׂראל פון מִצרַיִם. דאָס זיינען משה און אַהרן.

28 און עס איז געווען אין דעם טאָג וואָס גאָט האָט גערעדט צו משהן אין לאַנד מִצרַיִם. 29 האָט גאָט געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: איך בין יהוה; רעד צו פּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם אַלץ וואָס איך רעד צו דיר. 30 האָט משה געזאָגט פאַר גאָט: איך האָב דאָך פאַרשטאָפּטע ליפּן, און ווי וועט פּרעה צוהערן צו מיר?

כב ובני עזיאל מישאל ואלצפן וסתרי: ויקח אהרן את־
כג אלישבע בת־עמינדב אחות נחשון לו לאשה ותלד לו
כד את־נדב ואת־אביהוא את־אלעזר ואת־איתמר: ובני קרח
כה אסיר ואלקנה ואביאסף אלה משפחת הקרחי: ואלעזר
בן־אהרן לקח־לו מבנות פוטיאל לו לאשה ותלד לו
כו את־פינחס אלה ראשי אבות הלוים למשפחתם: הוא
אהרן ומשה אשר אמר יהוה להם הוציאו את־בני
כז ישראל מארץ מצרים על־צבאתם: הם המדברים אל־
פרעה מלך־מצרים להוציא את־בני־ישראל ממצרים
כח הוא משה ואהרן: ויהי ביום דבר יהוה אל־משה בארץ
שלי מצרים: ס וידבר יהוה אל־משה לאמר אני יהוה
דבר אל־פרעה מלך מצרים את כל־אשר אני דבר אליך:
ל ויאמר משה לפני יהוה הן אני ערל שפתים ואיך ישמע
אלי פרעה: פ

ז

א ויאמר יהוה אל־משה ראה נתתיך אלהים לפרעה ואהרן
ב אחיך יהיה נביאך: אתה תדבר את כל־אשר אצוך
ואהרן אחיך ידבר אל־פרעה ושלח את־בני־ישראל
ג מארצו: ואני אקשה את־לב פרעה והרביתי את־אתתי
ד ואת־מופתי בארץ מצרים: ולא־ישמע אלכם פרעה
ונתתי את־ידי במצרים והוצאתי את־צבאתי את־עמי
ה בני־ישראל מארץ מצרים בשפטים גדלים: וידעו מצרים
כי־אני יהוה בנטתי את־ידי על־מצרים והוצאתי את־
ו בני־ישראל מתוכם: ויעש משה ואהרן כאשר צוה יהוה
ז אתם כן עשו: ומשה בן־שמנים שנה ואהרן בן־שלש
ושמנים שנה בדברם אל־פרעה: פ
רב׳ ט ויאמר יהוה אל־משה ואל־אהרן לאמר: כי ידבר
אלכם פרעה לאמר תנו לכם מופת ואמרת אל־אהרן

ז 1 האָט גאָט געזאָגט צו משהן: זע, איך האָב דיך געמאַכט ווי אַ גאָט צו פּרעהן, און אַהרן דיין ברודער וועט זיין דיין נביא. 2 דו וועסט רעדן אַלץ וואָס איך וועל דיר באַפעלן, און אַהרן דיין ברודער וועט רעדן צו פּרעהן, ער זאָל אַוועקלאָזן די קינדער פון ישׂראל פון זיין לאַנד. 3 און איך וועל האַרט מאַכן פּרעהס האַרץ, און וועל מערן מיינע צייכנס און מיינע וווּנדער אין לאַנד מִצרַיִם. 4 אָבער פּרעה וועט ניט צוהערן צו אייך, און איך וועל אַרויפטאָן מיין האַנט אויף מִצרַיִם, און וועל אַרויסציען מיינע מחנות, מיין פאָלק, די קינדער פון ישׂראל, פון לאַנד מִצרַיִם, מיט גרויסע משפּטים. 5 און די מִצרים וועלן וויסן, אַז איך בין יהוה, ווען איך וועל אויסשטרעקן מיין האַנט אויף מִצרַיִם, און וועל אַרויסציען די קינדער פון ישׂראל פון צווישן זיי.

6 האָבן משה און אַהרן אַזוי געטאָן; אַזוי ווי גאָט האָט זיי באַפוילן, אַזוי האָבן זיי געטאָן. 7 און משה איז געווען אַ מאַן פון אַכציק יאָר, און אַהרן אַ מאַן פון דריי און אַכציק יאָר, ווען זיי האָבן גערעדט צו פּרעהן.

8 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן און צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן: 9 אַז פּרעה וועט רעדן צו אייך, אַזוי צו זאָגן: גיט פון

י קַח אֶת־מַטְּךָ וְהַשְׁלֵךְ לִפְנֵי־פַרְעֹה יְהִי לְתַנִּין׃ וַיָּבֹא מֹשֶׁה
וְאַהֲרֹן אֶל־פַּרְעֹה וַיַּעֲשׂוּ כֵן כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה וַיַּשְׁלֵךְ
אַהֲרֹן אֶת־מַטֵּהוּ לִפְנֵי פַרְעֹה וְלִפְנֵי עֲבָדָיו וַיְהִי לְתַנִּין׃
יא וַיִּקְרָא גַּם־פַּרְעֹה לַחֲכָמִים וְלַמְכַשְּׁפִים וַיַּעֲשׂוּ גַם־הֵם
יב חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם בְּלַהֲטֵיהֶם כֵּן׃ וַיַּשְׁלִיכוּ אִישׁ מַטֵּהוּ
יג וַיִּהְיוּ לְתַנִּינִם וַיִּבְלַע מַטֵּה־אַהֲרֹן אֶת־מַטֹּתָם׃ וַיֶּחֱזַק לֵב
יד פַּרְעֹה וְלֹא שָׁמַע אֲלֵהֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה׃ ס וַיֹּאמֶר
טו יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה כָּבֵד לֵב פַּרְעֹה מֵאֵן לְשַׁלַּח הָעָם׃ לֵךְ
אֶל־פַּרְעֹה בַּבֹּקֶר הִנֵּה יֹצֵא הַמַּיְמָה וְנִצַּבְתָּ לִקְרָאתוֹ עַל־
שְׂפַת הַיְאֹר וְהַמַּטֶּה אֲשֶׁר־נֶהְפַּךְ לְנָחָשׁ תִּקַּח בְּיָדֶךָ׃
טז וְאָמַרְתָּ אֵלָיו יְהוָה אֱלֹהֵי הָעִבְרִים שְׁלָחַנִי אֵלֶיךָ לֵאמֹר
שַׁלַּח אֶת־עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי בַּמִּדְבָּר וְהִנֵּה לֹא־שָׁמַעְתָּ עַד־כֹּה׃
יז כֹּה אָמַר יְהוָה בְּזֹאת תֵּדַע כִּי אֲנִי יְהוָה הִנֵּה אָנֹכִי מַכֶּה ׀
בַּמַּטֶּה אֲשֶׁר־בְּיָדִי עַל־הַמַּיִם אֲשֶׁר בַּיְאֹר וְנֶהֶפְכוּ לְדָם׃
יח וְהַדָּגָה אֲשֶׁר־בַּיְאֹר תָּמוּת וּבָאַשׁ הַיְאֹר וְנִלְאוּ מִצְרַיִם
יט לִשְׁתּוֹת מַיִם מִן־הַיְאֹר׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
אֱמֹר אֶל־אַהֲרֹן קַח מַטְּךָ וּנְטֵה־יָדְךָ עַל־מֵימֵי מִצְרַיִם
עַל־נַהֲרֹתָם ׀ עַל־יְאֹרֵיהֶם וְעַל־אַגְמֵיהֶם וְעַל כָּל־מִקְוֵה
מֵימֵיהֶם וְיִהְיוּ־דָם וְהָיָה דָם בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרַיִם וּבָעֵצִים
כ וּבָאֲבָנִים׃ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן כַּאֲשֶׁר ׀ צִוָּה יְהוָה
וַיָּרֶם בַּמַּטֶּה וַיַּךְ אֶת־הַמַּיִם אֲשֶׁר בַּיְאֹר לְעֵינֵי פַרְעֹה וּלְעֵינֵי
כא עֲבָדָיו וַיֵּהָפְכוּ כָּל־הַמַּיִם אֲשֶׁר־בַּיְאֹר לְדָם׃ וְהַדָּגָה אֲשֶׁר־
בַּיְאֹר מֵתָה וַיִּבְאַשׁ הַיְאֹר וְלֹא־יָכְלוּ מִצְרַיִם לִשְׁתּוֹת מַיִם
כב מִן־הַיְאֹר וַיְהִי הַדָּם בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן חַרְטֻמֵּי
מִצְרַיִם בְּלָטֵיהֶם וַיֶּחֱזַק לֵב־פַּרְעֹה וְלֹא־שָׁמַע אֲלֵהֶם כַּאֲשֶׁר
כג דִּבֶּר יְהוָה׃ וַיִּפֶן פַּרְעֹה וַיָּבֹא אֶל־בֵּיתוֹ וְלֹא־שָׁת לִבּוֹ
כד גַּם־לָזֹאת׃ וַיַּחְפְּרוּ כָל־מִצְרַיִם סְבִיבֹת הַיְאֹר מַיִם לִשְׁתּוֹת

אײַך אַ וווּנדער; זאָלסטו זאָגן צו אַהרנען: נעם דײַן שטעקן, און טו אַ וואָרף פאַר פּרעהן, וועט ער ווערן אַ שלאַנג.

10 זײַנען משה און אהרן געקומען צו פּרעהן, און זיי האָבן אַזוי געטאָן, ווי גאָט האָט באַפוילן; און אַהרן האָט אַ וואָרף געטאָן זײַן שטעקן פאַר פּרעהן, און פאַר זײַנע קנעכט, און ער איז געוואָרן אַ שלאַנג.

11 האָט אויך פּרעה גערופן די חכמים און די מכשפים, און אויך זיי, די חרטומים פון מִצרַיִם, האָבן געטאָן דעסגלײַכן מיט זייערע פאַרבאַרגענע קונצן. 12 און זיי האָבן אַ וואָרף געטאָן איטלעכער זײַן שטעקן, און זיי זײַנען געוואָרן שלאַנגען; אָבער אַהרנס שטעקן האָט אײַנגעשלונגען זייערע שטעקנס.

13 און פּרעהס האַרץ איז געבליבן פעסט, און ער האָט ניט צוגעהערט צו זיי, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט.

14 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: פּרעהס האַרץ איז האַרט, ער וויל ניט אַוועקלאָזן דאָס פאָלק. 15 גיי צו פּרעהן אין דער פרי; זע, ער גייט אַרויס צום וואַסער, וועסטו זיך שטעלן אים אַנטקעגן, בײַם ברעג טײַך, און דעם שטעקן וואָס איז פאַרקערט געוואָרן אין אַ שלאַנג, זאָלסטו נעמען אין דײַן האַנט. 16 און זאָלסט זאָגן צו אים: יהוה, דער גאָט פון די עבֿרים, האָט מיך געשיקט צו דיר, אַזוי צו זאָגן: לאָז אַוועק מײַן פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען אין דער מדבר; און זע, האָסט ניט צוגעהערט ביז אַהער.

17 האָט גאָט אַזוי געזאָגט: דערמיט וועסטו וויסן, אַז איך בין יהוה: זע, איך שלאָג מיט דעם שטעקן וואָס אין מײַן האַנט, אויפן וואַסער וואָס אין טײַך, און עס וועט פאַרקערט ווערן אין בלוט. 18 און די פיש וואָס אין טײַך וועלן אויס־שטאַרבן, און דער טײַך וועט פאַרשטונקען ווערן, און די מִצרים וועלן זיך עקלען צו טרינקען וואַסער אויסן טײַך.

19 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זאָג צו אַהרנען: נעם דײַן שטעקן, און שטרעק אויס דײַן האַנט אויף די וואַסערן פון מִצרַיִם, אויף זייערע שטראָמען, אויף זייערע טײַכן, און אויף זייערע געמויזעכצן, און אויף אַלע זייערע אָנזאַמלונגען פון וואַסער, און זיי זאָלן ווערן בלוט; און עס זאָל זײַן בלוט אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם, סײַ אין הילצערנע כּלים, סײַ אין שטיינערנע.

20 האָבן משה און אַהרן אַזוי געטאָן, ווי גאָט האָט באַפוילן. און ער האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן, און האָט גע־שלאָגן דאָס וואַסער וואָס אין טײַך, פאַר די אויגן פון פּרעהן, און פאַר די אויגן פון זײַנע קנעכט; און דאָס גאַנצע וואַסער וואָס אין טײַך איז פאַרקערט געוואָרן אין בלוט. 21 און די פיש וואָס אין טײַך זײַנען אויסגעשטאָרבן, און דער טײַך איז פאַרשטונקען געוואָרן, און די מִצרים האָבן ניט געקענט טרינקען וואַסער אויסן טײַך; און דאָס בלוט איז געווען אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם.

22 האָבן די חרטומים פון מִצרַיִם געטאָן דעסגלײַכן מיט זייערע פאַרבאַרגענע קונצן; און פּרעהס האַרץ איז געבליבן פעסט, און ער האָט ניט צוגעהערט צו זיי; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט. 23 און פּרעה האָט זיך אומגעקערט און איז אַרײַנ־געגאַנגען אין זײַן הויז, און האָט אויך דאָס ניט גענומען צום האַרצן. 24 און אַלע מִצרים האָבן געגראָבן אַרום טײַך נאָך

כה כִּי לֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מִמֵּימֵי הַיְאֹר: וַיִּמָּלֵא שִׁבְעַת יָמִים
אַחֲרֵי הַכּוֹת־יְהוָה אֶת־הַיְאֹר: פ
כו וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בֹּא אֶל־פַּרְעֹה וְאָמַרְתָּ אֵלָיו כֹּה
כז אָמַר יְהוָה שַׁלַּח אֶת־עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי: וְאִם־מָאֵן אַתָּה לְשַׁלֵּחַ
כח הִנֵּה אָנֹכִי נֹגֵף אֶת־כָּל־גְּבוּלְךָ בַּצְפַרְדְּעִים: וְשָׁרַץ הַיְאֹר
צְפַרְדְּעִים וְעָלוּ וּבָאוּ בְּבֵיתֶךָ וּבַחֲדַר מִשְׁכָּבְךָ וְעַל־מִטָּתֶךָ
כט וּבְבֵית עֲבָדֶיךָ וּבְעַמֶּךָ וּבְתַנּוּרֶיךָ וּבְמִשְׁאֲרוֹתֶיךָ: וּבְכָה
וּבְעַמְּךָ וּבְכָל־עֲבָדֶיךָ יַעֲלוּ הַצְפַרְדְּעִים:

ח

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל־אַהֲרֹן נְטֵה אֶת־יָדְךָ
בְּמַטֶּךָ עַל־הַנְּהָרֹת עַל־הַיְאֹרִים וְעַל־הָאֲגַמִּים וְהַעַל אֶת־
ב הַצְפַרְדְּעִים עַל־אֶרֶץ מִצְרָיִם: וַיֵּט אַהֲרֹן אֶת־יָדוֹ עַל
מֵימֵי מִצְרָיִם וַתַּעַל הַצְּפַרְדֵּעַ וַתְּכַס אֶת־אֶרֶץ מִצְרָיִם:
ג וַיַּעֲשׂוּ־כֵן הַחַרְטֻמִּים בְּלָטֵיהֶם וַיַּעֲלוּ אֶת־הַצְפַרְדְּעִים
ד עַל־אֶרֶץ מִצְרָיִם: וַיִּקְרָא פַרְעֹה לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן וַיֹּאמֶר
הַעְתִּירוּ אֶל־יְהוָה וְיָסֵר הַצְפַרְדְּעִים מִמֶּנִּי וּמֵעַמִּי וַאֲשַׁלְּחָה
ה אֶת־הָעָם וְיִזְבְּחוּ לַיהוָה: וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה לְפַרְעֹה הִתְפָּאֵר
עָלַי לְמָתַי ׀ אַעְתִּיר לְךָ וְלַעֲבָדֶיךָ וּלְעַמְּךָ לְהַכְרִית
ו הַצְפַרְדְּעִים מִמְּךָ וּמִבָּתֶּיךָ רַק בַּיְאֹר תִּשָּׁאַרְנָה: וַיֹּאמֶר
לְמָחָר וַיֹּאמֶר כִּדְבָרְךָ לְמַעַן תֵּדַע כִּי־אֵין כַּיהוָה אֱלֹהֵינוּ:
חמ׳ וְסָרוּ הַצְפַרְדְּעִים מִמְּךָ וּמִבָּתֶּיךָ וּמֵעֲבָדֶיךָ וּמֵעַמֶּךָ רַק
ח בַּיְאֹר תִּשָּׁאַרְנָה: וַיֵּצֵא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן מֵעִם פַּרְעֹה וַיִּצְעַק
מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה עַל־דְּבַר הַצְפַרְדְּעִים אֲשֶׁר־שָׂם לְפַרְעֹה:
ט וַיַּעַשׂ יְהוָה כִּדְבַר מֹשֶׁה וַיָּמֻתוּ הַצְפַרְדְּעִים מִן־הַבָּתִּים
י מִן־הַחֲצֵרֹת וּמִן־הַשָּׂדֹת: וַיִּצְבְּרוּ אֹתָם חֳמָרִם חֳמָרִם
יא וַתִּבְאַשׁ הָאָרֶץ: וַיַּרְא פַּרְעֹה כִּי הָיְתָה הָרְוָחָה וְהַכְבֵּד
יב אֶת־לִבּוֹ וְלֹא שָׁמַע אֲלֵהֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה: ס וַיֹּאמֶר

---

ז, כט׳ יתיר ו׳ ח, ד׳ מלרע

וואַסער צום טרינקען, וואָרום זיי האָבן ניט געקענט טרינקען פון די וואַסערן פון טייך. [25] און עס זיינען דערפילט געוואָרן זיבן טעג, נאָכדעם ווי גאָט האָט געשלאָגן דעם טייך.

[26] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: קום צו פּרעהן, און זאָג צו אים: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. [27] און אויב דו ווילסט זיי ניט אַוועקלאָזן, אָט פּלאָג איך דיין גאַנצן גבול מיט פרעש. [28] און דער טייך וועט ווידמענען פרעש, און זיי וועלן אַרויפגיין, און וועלן קומען אין דיין הויז, און אין דיין שלאָפקאַמער, און אויף דיין בעט, און אין הויז פון דיינע קנעכט, און אויף דיין פאָלק, און אין דיינע אויוונס, און אין דיינע טייגמולטערס. [29] אי אויף דיר, אי אויף דיין פאָלק, אי אויף אַלע דיינע קנעכט, וועלן אַרויפגיין די פרעש.

ח [1] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זאָג צו אַהרנען: שטרעק אויס דיין האַנט מיט דיין שטעקן אויף די שטראָמען, אויף די טייכן, און אויף די געמויזעכצן, און ברענג אַרויף פרעש אויפן לאַנד מִצרַיִם. [2] און אַהרן האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף די וואַסערן פון מִצרַיִם, און די פרעש זיינען אַרויפגעגאַנגען, און האָבן באַדעקט דאָס לאַנד מִצרַיִם. [3] האָבן די חַרטומים געטאָן דעסגלייכן מיט זייערע פאַרבאָרגענע קונצן, און זיי האָבן אַרויפגעבראַכט פרעש אויפן לאַנד מִצרַיִם.

[4] און פּרעה האָט גערופן משהן און אַהרנען, און האָט געזאָגט: בעט צו יהוה, ער זאָל אָפּטאָן די פרעש פון מיר און פון מיין פאָלק, און איך וועל אַוועקלאָזן דאָס פאָלק, זיי זאָלן שלאַכטן צו יהוה. [5] האָט משה געזאָגט צו פּרעהן: האָב דעם כבוד איבער מיר; אויף ווען זאָל איך בעטן פאַר דיר, און פאַר דיינע קנעכט, און פאַר דיין פאָלק, צו פאַרשניידן די פרעש פון דיר, און פון דיינע הייזער, אַז נאָר אין טייך זאָלן זיי בלייבן? [6] האָט ער געענטפערט: אויף מאָרגן. האָט ער געזאָגט: אַזוי ווי דיין וואָרט! כדי זאָלסט וויסן, אַז ניטאָ אַזאַ ווי יהוה אונדזער גאָט. [7] און די פרעש וועלן זיך אָפּטאָן פון דיר, און פון דיינע הייזער, און פון דיינע קנעכט, און פון דיין פאָלק; נאָר אין טייך וועלן זיי בלייבן.

[8] זיינען משה און אַהרן אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן, און משה האָט געשריען צו גאָט פון וועגן די פרעש וואָס ער האָט אַרויפגעטאָן אויף פּרעהן. [9] און גאָט האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון משהן, און די פרעש זיינען אויסגעשטאָרבן פון די הייזער, פון די הויפן, און פון די פעלדער. [10] און מע האָט זיי צונויפגעשאַרט הויפנס אויף הויפנס, און דאָס לאַנד איז פאַרשטונקען געוואָרן.

[11] און ווי פּרעה האָט געזען, אַז עס איז געוואָרן אַ דערלייכטערונג, אַזוי האָט ער האַרט געמאַכט זיין האַרץ, און האָט ניט צוגעהערט צו זיי; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט.

יהוה אל-משה אמר אל-אהרן נטה את-מטך והך
את-עפר הארץ והיה לכנם בכל-ארץ מצרים: ויעשו- יג
כן ויט אהרן את-ידו במטהו ויך את-עפר הארץ ותהי
הכנם באדם ובבהמה כל-עפר הארץ היה כנים בכל-
ארץ מצרים: ויעשו-כן החרטמים בלטיהם להוציא את- יד
הכנים ולא יכלו ותהי הכנם באדם ובבהמה: ויאמרו טו
החרטמם אל-פרעה אצבע אלהים הוא ויחזק לב-פרעה
ולא-שמע אלהם כאשר דבר יהוה: ס ויאמר יהוה טז
אל-משה השכם בבקר והתיצב לפני פרעה הנה יוצא
המימה ואמרת אליו כה אמר יהוה שלח עמי ויעבדני:
כי אם-אינך משלח את-עמי הנני משליח בך ובעבדיך יז
ובעמך ובבתיך את-הערב ומלאו בתי מצרים את-
הערב וגם האדמה אשר-הם עליה: והפליתי ביום יח
ההוא את-ארץ גשן אשר עמי עמד עליה לבלתי היות-
שם ערב למען תדע כי אני יהוה בקרב הארץ: ושמתי ששי
פדת בין עמי ובין עמך למחר יהיה האת הזה: ויעש כ
יהוה כן ויבא ערב כבד ביתה פרעה ובית עבדיו ובכל-
ארץ מצרים תשחת הארץ מפני הערב: ויקרא פרעה כא
אל-משה ולאהרן ויאמר לכו זבחו לאלהיכם בארץ:
ויאמר משה לא נכון לעשות כן כי תועבת מצרים כב
נזבח ליהוה אלהינו הן נזבח את-תועבת מצרים לעיניהם
ולא יסקלנו: דרך שלשת ימים נלך במדבר וזבחנו כג
ליהוה אלהינו כאשר יאמר אלינו: ויאמר פרעה אנכי כד
אשלח אתכם וזבחתם ליהוה אלהיכם במדבר רק
הרחק לא-תרחיקו ללכת העתירו בעדי: ויאמר משה כה
הנה אנכי יוצא מעמך והעתרתי אל-יהוה וסר הערב
מפרעה מעבדיו ומעמו מחר רק אל-יסף פרעה התל

כ׳ סבירין ובבית

[12] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זאָג צו אַהרנען: שטרעק אויס דיין שטעקן, און שלאָג דעם שטויב פון דער ערד, און ער זאָל ווערן אומגעציפער אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. [13] האָבן זיי אַזוי געטאָן; און אַהרן האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט מיט זיין שטעקן, און ער האָט געשלאָגן דעם שטויב פון דער ערד, און עס איז געוואָרן אומגעציפער אויף מענטשן און אויף בהמות; דער גאַנצער שטויב פון דער ערד איז געוואָרן אומגעציפער אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. [14] און די חַרטומים האָבן דעסגלייכן געאַרבעט מיט זייערע פאַרבאָרגענע קונצן אַרויסצוברענגען אומגעציפער, אָבער זיי האָבן ניט געקענט. און דאָס אומגעציפער איז געווען אויף מענטשן און אויף בהמות. [15] און די חַרטומים האָבן געזאָגט צו פַּרעהן: אַ פינגער פון גאָט איז דאָס. אָבער פַּרעהס האַרץ איז געבליבן פעסט, און ער האָט ניט צוגעהערט צו זיי; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט.

[16] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: פעדער זיך אין דער פרי, און שטעל זיך פאַר פַּרעהן; זע, ער גייט אַרויס צום וואַסער, זאָלסטו זאָגן צו אים: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. [17] וואָרום אויב דו לאָזט ניט אַוועק מיין פאָלק, אָט שיק איך אָן אויף דיר, און אויף דיינע קנעכט, און אויף דיין פאָלק, און אין דיינע הייזער, אַ געמיש פליגן, און די הייזער פון מִצרַיִם וועלן אָנגעפילט ווערן מיט דעם געמיש פליגן, און אויך די ערד וואָס זיי זיינען אויף איר. [18] און איך וועל אָפּזונדערן אין יענעם טאָג דאָס לאַנד גושן, וואָס מיין פאָלק האַלט זיך אויף דערין, אַז דאָס געמיש פליגן זאָל דאָרטן ניט זיין, כדי זאָלסט וויסן, אַז איך, יהוה, בין אין לאַנד. [19] און איך וועל מאַכן אַן אָפּשיידונג צווישן מיין פאָלק און צווישן דיין פאָלק. אויף מאָרגן וועט געשען דערדאָזיקער צייכן.

[20] און גאָט האָט אַזוי געטאָן: און עס איז געקומען אַ געדיכט געמיש פליגן אין הויז פון פַּרעהן, און אין הויז פון זיינע קנעכט, און אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. דאָס לאַנד איז פאַרוויסט געוואָרן פון וועגן דעם געמיש פליגן.

[21] האָט פַּרעה גערופן משהן און אַהרנען, און האָט געזאָגט: גייט שלאַכט צו אייער גאָט אין לאַנד. [22] האָט משה געזאָגט: עס איז ניט רעכט אַזוי צו טאָן, וואָרום די אומווערדיקייט פון די מִצרים וועלן מיר שלאַכטן צו יהוה אונדזער גאָט; זע, אַז מיר וועלן שלאַכטן די אומווערדיקייט פון די מִצרים פאַר זייערע אויגן, צי וועלן זיי אונדז ניט פאַרשטיינען? [23] דריי טעג וועגס וועלן מיר גיין אין דער מדבר, און מיר וועלן שלאַכטן צו יהוה אונדזער גאָט, אַזוי ווי ער וועט אונדז הייסן. [24] האָט פַּרעה געזאָגט: איך וועל אייך אַוועקלאָזן, איר זאָלט שלאַכטן צו יהוה אייער גאָט אין דער מדבר, נאָר זייער ווייט זאָלט איר ניט גיין. בעט פאַר מיר. [25] האָט משה געזאָגט: זע, איך גיי אַרויס פון דיר, און וועל בעטן צו יהוה, אַז דאָס געמיש פליגן זאָל זיך מאָרגן אָפּטאָן פון פַּרעהן, פון זיינע קנעכט, און פון זיין פאָלק; זאָל אָבער פַּרעה ניט ווידער מאַכן

כו לְבִלְתִּי שַׁלַּח אֶת־הָעָם לִזְבֹּחַ לַיהוָה׃ וַיֵּצֵא מֹשֶׁה מֵעִם
כז פַּרְעֹה וַיֶּעְתַּר אֶל־יְהוָה׃ וַיַּעַשׂ יְהוָה כִּדְבַר מֹשֶׁה וַיָּסַר
כח הֶעָרֹב מִפַּרְעֹה מֵעֲבָדָיו וּמֵעַמּוֹ לֹא נִשְׁאַר אֶחָד׃ וַיַּכְבֵּד
פַּרְעֹה אֶת־לִבּוֹ גַּם בַּפַּעַם הַזֹּאת וְלֹא שִׁלַּח אֶת־הָעָם׃ פ

ט

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בֹּא אֶל־פַּרְעֹה וְדִבַּרְתָּ אֵלָיו כֹּה־
ב אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי הָעִבְרִים שַׁלַּח אֶת־עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי׃ כִּי
ג אִם־מָאֵן אַתָּה לְשַׁלֵּחַ וְעוֹדְךָ מַחֲזִיק בָּם׃ הִנֵּה יַד־יְהוָה
הוֹיָה בְּמִקְנְךָ אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה בַּסּוּסִים בַּחֲמֹרִים בַּגְּמַלִּים
ד בַּבָּקָר וּבַצֹּאן דֶּבֶר כָּבֵד מְאֹד׃ וְהִפְלָה יְהוָה בֵּין מִקְנֵה
יִשְׂרָאֵל וּבֵין מִקְנֵה מִצְרָיִם וְלֹא יָמוּת מִכָּל־לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל
ה דָּבָר׃ וַיָּשֶׂם יְהוָה מוֹעֵד לֵאמֹר מָחָר יַעֲשֶׂה יְהוָה הַדָּבָר
ו הַזֶּה בָּאָרֶץ׃ וַיַּעַשׂ יְהוָה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה מִמָּחֳרָת וַיָּמָת
כֹּל מִקְנֵה מִצְרָיִם וּמִמִּקְנֵה בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לֹא־מֵת אֶחָד׃
ז וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה וְהִנֵּה לֹא־מֵת מִמִּקְנֵה יִשְׂרָאֵל עַד־אֶחָד
וַיִּכְבַּד לֵב פַּרְעֹה וְלֹא שִׁלַּח אֶת־הָעָם׃ פ
ח וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן קְחוּ לָכֶם מְלֹא חָפְנֵיכֶם
ט פִּיחַ כִּבְשָׁן וּזְרָקוֹ מֹשֶׁה הַשָּׁמַיְמָה לְעֵינֵי פַרְעֹה׃ וְהָיָה
לְאָבָק עַל כָּל־אֶרֶץ מִצְרָיִם וְהָיָה עַל־הָאָדָם וְעַל־הַבְּהֵמָה
י לִשְׁחִין פֹּרֵחַ אֲבַעְבֻּעֹת בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיִּקְחוּ אֶת־
פִּיחַ הַכִּבְשָׁן וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי פַרְעֹה וַיִּזְרֹק אֹתוֹ מֹשֶׁה
הַשָּׁמָיְמָה וַיְהִי שְׁחִין אֲבַעְבֻּעֹת פֹּרֵחַ בָּאָדָם וּבַבְּהֵמָה׃
יא וְלֹא־יָכְלוּ הַחַרְטֻמִּים לַעֲמֹד לִפְנֵי מֹשֶׁה מִפְּנֵי הַשְּׁחִין כִּי־
יב הָיָה הַשְּׁחִין בַּחַרְטֻמִּם וּבְכָל־מִצְרָיִם׃ וַיְחַזֵּק יְהוָה אֶת־
לֵב פַּרְעֹה וְלֹא שָׁמַע אֲלֵהֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֶל־
יג מֹשֶׁה׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה הַשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר
וְהִתְיַצֵּב לִפְנֵי פַרְעֹה וְאָמַרְתָּ אֵלָיו כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי
יד הָעִבְרִים שַׁלַּח אֶת־עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי׃ כִּי ׀ בַּפַּעַם הַזֹּאת אֲנִי

געשפּעט, ניט אַוועקצולאָזן דאָס פאָלק צו שלאַכטן צו יהוה.

26 און משה איז אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן, און האָט געבעטן צו גאָט. 27 און גאָט האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון משהן, און האָט אָפּגעטאָן דאָס געמיש פליגן, פון פּרעהן, פון זיינע קנעכט, און פון זיין פאָלק; ניט אַן איינציקע איז געבליבן.

28 אָבער פּרעה האָט אויך דאָס מאָל האַרט געמאַכט זיין האַרץ, און האָט ניט אַוועקגעלאָזן דאָס פאָלק.

ט 1 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: קום צו פּרעהן, און רעד צו אים: אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון די עִברים: לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. 2 וואָרום אויב דו ווילסט ניט אַוועקלאָזן, און האַלטסט זיי נאָך ווייטער, 3 זע, וועט די האַנט פון גאָט זיין אויף דיין פי וואָס אין פעלד, אויף די פערד, אויף די אייזלען, אויף די קעמלען, אויף די רינדער, און אויף די שאָף; אַ זייער שווערע מגפה. 4 און גאָט וועט אָפּזונדערן צווישן דעם פי פון ישׂראל און צווישן דעם פי פון מִצרַיִם, און פון אַלץ וואָס געהערט צו די קינדער פון ישׂראל וועט גאָרנישט שטאַרבן. 5 און גאָט האָט געמאַכט אַ צייט, אַזוי צו זאָגן: מאָרגן וועט גאָט טאָן דידאָזיקע זאַך אין לאַנד.

6 און גאָט האָט געטאָן דידאָזיקע זאַך אויף מאָרגן, און דאָס גאַנצע פי פון מִצרַיִם איז אויסגעשטאָרבן, אָבער פון דעם פי פון די קינדער פון ישׂראל איז אַן איינציקס ניט געשטאָרבן. 7 און פּרעה האָט געשיקט, ערשט פון דעם פי פון ישׂראל איז צומאָל אַן איינציקס ניט געשטאָרבן. אָבער פּרעהס האַרץ איז געבליבן האַרט, און ער האָט ניט אַוועקגעלאָזן דאָס פאָלק.

8 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן און צו אַהרנען: נעמט אַייך אַייערע פולע הויפנס אַש פון אַ קאַלכאויוון, און משה זאָל עס אַ וואָרף טאָן אַקעגן הימל, פאַר די אויגן פון פּרעהן. 9 און עס וועט ווערן צו שטויב איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם, און ווערן אַ גרינד וואָס שלאָגט אויס אין בלאָטערן, אויף מענטשן און אויף בהמות, אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם.

10 האָבן זיי גענומען אַש פון אַ קאַלכאויוון, און זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר פּרעהן, און משה האָט עס אַ וואָרף געטאָן אַקעגן הימל, און עס איז געוואָרן אַ גרינד וואָס שלאָגט אויס אין בלאָטערן, אויף מענטשן און אויף בהמות. 11 און די חַרטומים האָבן ניט געקענט שטיין פאַר משהן פון וועגן דעם גרינד, וואָרום דער גרינד איז געווען אויף די חַרטומים אַזוי ווי אויף גאַנץ מִצרַיִם.

12 אָבער גאָט האָט פעסט געמאַכט פּרעהס האַרץ, און ער האָט ניט צוגעהערט צו זיי; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט צו משהן.

13 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: פעדער זיך אין דער פרי, און שטעל זיך פאַר פּרעהן, און זאָג צו אים: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון די עִברים: לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. 14 ווייל דאָס מאָל

שֹׁלֵחַ אֶת־כָּל־מַגֵּפֹתַי אֶל־לִבְּךָ וּבַעֲבָדֶיךָ וּבְעַמֶּךָ בַּעֲבוּר
טו תֵּדַע כִּי אֵין כָּמֹנִי בְּכָל־הָאָרֶץ׃ כִּי עַתָּה שָׁלַחְתִּי אֶת־
יָדִי וָאַךְ אוֹתְךָ וְאֶת־עַמְּךָ בַּדָּבֶר וַתִּכָּחֵד מִן־הָאָרֶץ׃
טז וְאוּלָם בַּעֲבוּר זֹאת הֶעֱמַדְתִּיךָ בַּעֲבוּר הַרְאֹתְךָ אֶת־כֹּחִי
יז וּלְמַעַן סַפֵּר שְׁמִי בְּכָל־הָאָרֶץ׃ עוֹדְךָ מִסְתּוֹלֵל בְּעַמִּי
יח לְבִלְתִּי שַׁלְּחָם׃ הִנְנִי מַמְטִיר כָּעֵת מָחָר בָּרָד כָּבֵד מְאֹד
אֲשֶׁר לֹא־הָיָה כָמֹהוּ בְּמִצְרַיִם לְמִן־הַיּוֹם הִוָּסְדָה וְעַד־
יט עָתָּה׃ וְעַתָּה שְׁלַח הָעֵז אֶת־מִקְנְךָ וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר לְךָ
בַּשָּׂדֶה כָּל־הָאָדָם וְהַבְּהֵמָה אֲשֶׁר־יִמָּצֵא בַשָּׂדֶה וְלֹא יֵאָסֵף
כ הַבַּיְתָה וְיָרַד עֲלֵהֶם הַבָּרָד וָמֵתוּ׃ הַיָּרֵא אֶת־דְּבַר יְהוָה
מֵעַבְדֵי פַּרְעֹה הֵנִיס אֶת־עֲבָדָיו וְאֶת־מִקְנֵהוּ אֶל־הַבָּתִּים׃
כא וַאֲשֶׁר לֹא־שָׂם לִבּוֹ אֶל־דְּבַר יְהוָה וַיַּעֲזֹב אֶת־עֲבָדָיו וְאֶת־
מִקְנֵהוּ בַּשָּׂדֶה׃ פ
כב וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה נְטֵה אֶת־יָדְךָ עַל־הַשָּׁמַיִם וִיהִי
בָרָד בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם עַל־הָאָדָם וְעַל־הַבְּהֵמָה וְעַל כָּל־
כג עֵשֶׂב הַשָּׂדֶה בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיֵּט מֹשֶׁה אֶת־מַטֵּהוּ עַל־
הַשָּׁמַיִם וַיהוָה נָתַן קֹלֹת וּבָרָד וַתִּהֲלַךְ־אֵשׁ אָרְצָה וַיַּמְטֵר
כד יְהוָה בָּרָד עַל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיְהִי בָרָד וְאֵשׁ מִתְלַקַּחַת
בְּתוֹךְ הַבָּרָד כָּבֵד מְאֹד אֲשֶׁר לֹא־הָיָה כָמֹהוּ בְּכָל־אֶרֶץ
כה מִצְרַיִם מֵאָז הָיְתָה לְגוֹי׃ וַיַּךְ הַבָּרָד בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרַיִם
אֵת כָּל־אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה מֵאָדָם וְעַד־בְּהֵמָה וְאֵת כָּל־עֵשֶׂב
כו הַשָּׂדֶה הִכָּה הַבָּרָד וְאֶת־כָּל־עֵץ הַשָּׂדֶה שִׁבֵּר׃ רַק בְּאֶרֶץ
כז גֹּשֶׁן אֲשֶׁר־שָׁם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא הָיָה בָּרָד׃ וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה
וַיִּקְרָא לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם חָטָאתִי הַפָּעַם יְהוָה
כח הַצַּדִּיק וַאֲנִי וְעַמִּי הָרְשָׁעִים׃ הַעְתִּירוּ אֶל־יְהוָה וְרַב מִהְיֹת
קֹלֹת אֱלֹהִים וּבָרָד וַאֲשַׁלְּחָה אֶתְכֶם וְלֹא תֹסִפוּן לַעֲמֹד׃
כט וַיֹּאמֶר אֵלָיו מֹשֶׁה כְּצֵאתִי אֶת־הָעִיר אֶפְרֹשׂ אֶת־כַּפַּי אֶל־
יְהוָה הַקֹּלוֹת יֶחְדָּלוּן וְהַבָּרָד לֹא יִהְיֶה־עוֹד לְמַעַן תֵּדַע

שיק איך אַן אַלע מיינע פּלאָגן אויף דיר גופא, אויף דיינע קנעכט, און אויף דיין פֿאָלק, כּדי זאָלסט וויסן, אַז ניטאָ אַזאַ ווי איך אויף דער גאַנצער ערד. 15 וואָרום איך וואָלט אַצונד אויסגעשטרעקט מיין האַנט, און וואָלט גע־שלאָגן דיך און דיין פֿאָלק מיט אַ מגפה, אַז דו וואָלסט פֿאַרטיליקט געוואָרן פֿון דער ערד. 16 און נאָר דרום האָב איך דיך געלאָזט באַשטיין, כּדי דיר צו ווייזן מיין כּוח, און כּדי מע זאָל דערציילן מיין נאָמען איבער דער גאַנצער ערד. 17 נאָך אַלץ דערהייבסטו זיך אַקעגן מיין פֿאָלק, זיי ניט אַוועקצולאָזן. 18 זע, איך מאַך רעגענען מאָרגן אין דער צייט זייער אַ שווערן האָגל, וואָס אַזאַ ווי ער איז ניט געווען אין מצרים פֿון דעם טאָג וואָס זי איז געגרונטפֿעסט געוואָרן און ביז אַצונד. 19 און אַצונד שיק אַריינטרייבן דיין פֿי, און אַלץ וואָס דו האָסט אין פֿעלד; יעטוועדער מענטש און בהמה וואָס וועט זיך געפֿינען אין פֿעלד, און וועט ניט אַריינגענומען ווערן אין הויז, וועט אויף זיי נידערן דער האָגל, און זיי וועלן שטאַרבן.

20 דער פֿון פּרעהס דינער וואָס האָט מורא געהאַט פֿאַר גאָטס וואָרט, האָט געמאַכט אַנטרינען זיינע קנעכט און זיין פֿי אין די הייזער. 21 און ווער עס האָט ניט געטאָן זיין האַרץ אויף גאָטס וואָרט, האָט איבערגעלאָזן זיינע קנעכט און זיין פֿי אין פֿעלד.

22 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: שטרעק אויס דיין האַנט אַקעגן הימל, און זאָל ווערן אַ האָגל אין גאַנצן לאַנד מצרים, אויף מענטשן, און אויף בהמות, און אויף אַלע קרייטעכער פֿון פֿעלד, אין לאַנד מצרים.

23 האָט משה אויסגעשטרעקט זיין שטעקן אַקעגן הימל, און גאָט האָט געגעבן דונערן און האָגל, און אַ פֿייער איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד; און גאָט האָט געמאַכט רעגענען אַ האָגל אויפֿן לאַנד מצרים. 24 און עס איז געווען אַ האָגל, מיט אַ פֿלאַקעריקן פֿייער אין מיטן האָגל, זייער אַ שווערער, וואָס אַזאַ ווי ער איז ניט געווען אין גאַנצן לאַנד מצרים, פֿון זינט עס איז געוואָרן צום פֿאָלק. 25 און דער האָגל האָט איינגעשלאָגן אין גאַנצן לאַנד מצרים אַלץ וואָס אויפֿן פֿעלד, פֿון אַ מענטשן ביז אַ בהמה; אויך יעטוועדער קרייטעכץ פֿון פֿעלד האָט דער האָגל אויסגעשלאָגן, און יעטוועדער בוים פֿון פֿעלד האָט ער צעבראָכן. 26 נאָר אין לאַנד גושן, וואָס דאָרטן זיינען געווען די קינדער פֿון ישראל, איז קיין האָגל ניט געווען.

27 האָט פּרעה געשיקט און גערופֿן משהן און אַהרנען, און ער האָט צו זיי געזאָגט: איך האָב געזינדיקט דאָס מאָל; יהוה איז גערעכט, און איך און מיין פֿאָלק זיינען אומגערעכט. 28 בעט צו יהוה, און זאָל זיין גענוג די דונערן פֿון גאָט און דער האָגל, און איך וועל אייך אַוועקלאָזן, און איר וועט מער ניט בלייבן. 29 האָט משה צו אים געזאָגט: ווי איך גיי אַרויס פֿון שטאָט, וועל איך אויסשפּרייטן מיינע הענט צו יהוה; וועלן די דונערן אויפֿהערן, און דער האָגל וועט מער ניט זיין; כּדי זאָלסט וויסן אַז צו יהוה געהערט

די ערד. 30 און דו און דיינע קנעכט—איך ווייס, אַז איר האָט נאָך אַלץ ניט מורא פאַר גאָט יהוה.

31 און דער פלאַקס און דער גערשט זיינען אויסגע־שלאָגן געוואָרן, וואָרום דער גערשט איז געווען אין זאַנג, און דער פלאַקס אין בליאונג. 32 אָבער דער ווייץ און דער טונקלווייץ זיינען ניט אויסגעשלאָגן געוואָרן, ווייל זיי ווערן שפּעט צייטיק.

33 און משה איז אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן אויסן שטאָט, און האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט צו גאָט, און די דונערן און דער האָגל האָבן אויפגעהערט, און דער רעגן האָט מער ניט געגאָסן אויף דער ערד.

34 און ווי פּרעה האָט געזען, אַז דער רעגן און דער האָגל און די דונערן האָבן אויפגעהערט, אַזוי האָט ער ווייטער געזינדיקט, און האָט האַרט געמאַכט זיין האַרץ, ער און זיינע קנעכט. 35 און פּרעהס האַרץ איז געבליבן פעסט, און ער האָט ניט אַוועקגעלאָזן די קינדער פון ישראל; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט דורך משהן.

ל כִּי לַיהוָה הָאָרֶץ: וְאַתָּה וַעֲבָדֶיךָ יָדַעְתִּי כִּי טֶרֶם תִּירְאוּן
לא מִפְּנֵי יְהוָה אֱלֹהִים: וְהַפִּשְׁתָּה וְהַשְּׂעֹרָה נֻכָּתָה כִּי הַשְּׂעֹרָה
לב אָבִיב וְהַפִּשְׁתָּה גִּבְעֹל: וְהַחִטָּה וְהַכֻּסֶּמֶת לֹא נֻכּוּ כִּי
מפ׳ אֲפִילֹת הֵנָּה: וַיֵּצֵא מֹשֶׁה מֵעִם פַּרְעֹה אֶת־הָעִיר וַיִּפְרֹשׂ
כַּפָּיו אֶל־יְהוָה וַיַּחְדְּלוּ הַקֹּלוֹת וְהַבָּרָד וּמָטָר לֹא־נִתַּךְ
לד אָרְצָה: וַיַּרְא פַּרְעֹה כִּי־חָדַל הַמָּטָר וְהַבָּרָד וְהַקֹּלֹת
לה וַיֹּסֶף לַחֲטֹא וַיַּכְבֵּד לִבּוֹ הוּא וַעֲבָדָיו: וַיֶּחֱזַק לֵב פַּרְעֹה
וְלֹא שִׁלַּח אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה:
פ

# בא

1 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: קום צו פּרעהן, וואָרום איך האָב האַרט געמאַכט זיין האַרץ, און דאָס האַרץ פון זיינע קנעכט, כדי איך זאָל טאָן מיינע דאָזיקע צייכנס צווישן אים; 2 און כדי זאָלסט דערציילן אין די אויערן פון דיין זון, און פון דיין זונס זון, וואָס איך האָב אָנגעטאָן מִצרַיִם, און מיינע צייכנס וואָס איך האָב געמאַכט צווישן זיי; און איר זאָלט וויסן, אַז איך בין יהוה.

3 זיינען משה און אַהרן געקומען צו פּרעהן, און זיי האָבן צו אים געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון די עִבְרים: ביז וואַנען וועסטו זיך ניט וועלן בייגן פאַר מיר? לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. 4 וואָרום אויב דו ווילסט ניט אַוועקלאָזן מיין פאָלק, אָט ברענג איך מאָרגן אַ היישעריק אין דיין גבול. 5 און ער וועט פאַרדעקן דעם אָנבליק פון דער ערד, אַז מע וועט ניט קענען אַרויסזען די ערד; און ער וועט אויפעסן דעם רעשט פון דער אַנטרינונג, וואָס אייך איז געבליבן פון דעם האָגל, און וועט אויפעסן יעטוועדער בוים וואָס וואַקסט ביי אייך אויפן פעלד. 6 און אָנגעפילט וועלן ווערן דיינע הייזער, און די הייזער פון אַלע דיינע קנעכט, און די הייזער פון גאַנץ מִצרַיִם; וואָס דיינע עלטערן און דיינע עלטערנס עלטערן האָבן ניט געזען פון דעם טאָג, וואָס זיי זיינען געווען אויף דער ערד, און ביז היינטיקן טאָג.—און ער האָט זיך אומגעקערט, און איז אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן.

7 האָבן פּרעהס קנעכט צו אים געזאָגט: ביז וואַנען וועט דערדאָזיקער אונדז זיין פאַר אַ שטרויכלונג? לאָז אַוועק די לייט, און זאָלן זיי דינען יהוה זייער גאָט. צי נאָך ווייסטו ניט אַז מִצרַיִם גייט אונטער?

8 האָט מען אומגעקערט משהן און אַהרנען צו פּרעהן, און ער האָט צו זיי געזאָגט: גייט דינט יהוה אייער גאָט; אָבער ווער און ווער זיינען די גייער? 9 האָט משה געזאָגט: מיט אונדזערע יונגע און מיט אונדזערע אַלטע וועלן מיר גיין; מיט

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בֹּא אֶל־פַּרְעֹה כִּי־אֲנִי הִכְבַּדְתִּי
אֶת־לִבּוֹ וְאֶת־לֵב עֲבָדָיו לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ:
ב וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן־בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי
בְּמִצְרַיִם וְאֶת־אֹתֹתַי אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי בָם וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי
ג יְהוָה: וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל־פַּרְעֹה וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו כֹּה־
אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי הָעִבְרִים עַד־מָתַי מֵאַנְתָּ לֵעָנֹת מִפָּנָי
ד שַׁלַּח עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי: כִּי אִם־מָאֵן אַתָּה לְשַׁלֵּחַ אֶת־עַמִּי
ה הִנְנִי מֵבִיא מָחָר אַרְבֶּה בִּגְבֻלֶךָ: וְכִסָּה אֶת־עֵין הָאָרֶץ
וְלֹא יוּכַל לִרְאֹת אֶת־הָאָרֶץ וְאָכַל ׀ אֶת־יֶתֶר הַפְּלֵטָה
הַנִּשְׁאֶרֶת לָכֶם מִן־הַבָּרָד וְאָכַל אֶת־כָּל־הָעֵץ הַצֹּמֵחַ לָכֶם
ו מִן־הַשָּׂדֶה: וּמָלְאוּ בָתֶּיךָ וּבָתֵּי כָל־עֲבָדֶיךָ וּבָתֵּי כָל־
מִצְרַיִם אֲשֶׁר לֹא־רָאוּ אֲבֹתֶיךָ וַאֲבוֹת אֲבֹתֶיךָ מִיּוֹם
הֱיוֹתָם עַל־הָאֲדָמָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה וַיִּפֶן וַיֵּצֵא מֵעִם פַּרְעֹה:
ז וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי פַרְעֹה אֵלָיו עַד־מָתַי יִהְיֶה זֶה לָנוּ לְמוֹקֵשׁ
שַׁלַּח אֶת־הָאֲנָשִׁים וְיַעַבְדוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם הֲטֶרֶם תֵּדַע
ח כִּי אָבְדָה מִצְרָיִם: וַיּוּשַׁב אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן אֶל־
פַּרְעֹה וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם לְכוּ עִבְדוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם מִי וָמִי
ט הַהֹלְכִים: וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ בְּבָנֵינוּ